UK Health Security Agency

NHS

# אנווייזונגען פאר פרויען וואס קענען מעגליך טראגעדיג ווערן, וואס זענען טראגעדיג אדער זייגן אצינד זייער קינד

די קאראנאווירוס וואקצין האט געהאט א סך טעסטן כדי צו מאכן זיכער אז עס איז נישט שעדליך.



אויב איר זענט טראגעדיג, דארפט איר האבן צוויי דאזעס פון קאראנאווירוס וואקצין כדי צו באשיצן זיך אליין און אייער נאך נישט געבוירן קינד. די וואקצינען קענען נישט געבן די קאראנאווירוס אינפעקציע צו אייך אדער אייער נאך נישט געבוירן קינד.



די קאראנאווירוס וואקצין ווערט געגעבן אין צוויי איינשפריצן. אויב איר האט געהאט די ערשטע איינשפריץ איידער איר זענט טראגעדיג געווארן, קענט איר יא האבן די צווייטע איינשפריץ, אויב איר האט נישט געהאט קיין ערנסטע ביי־עפעקטן נאך די ערשטע איינשפריץ.




די Pfizer און Moderna קאראנאווירוס וואקצינען זענען בעסער פאר טראגעדיגע פרויען. אויב איר האט געהאט אייער ערשטע דאזע מיט Astrazeneca, קענט איר עס האבן פאר אייער צווייטע דאזע, אבער רעדט קודם מיט אייער דאקטאר אדער שוועסטער וועגן די סכנה פון בלוט קלאטס (blood clots).



RTL PHE_12073_Easy_Read_ COVID-19_vaccination_guide_for_women_04-yid.indd 1 29/09/2021 11:49:28

זייגן איז גאר גוט פאר אייך און אייער קינד.



מומחים אויף דעם צוזאמגעשטעלטן קאמיטעט איבער וואקצינאציע און אימוניזאציע (JCVI) זאגן אז מען קען האבן די וואקצין ווען מען זייגט.

די וועלטליכע געזונט ארגאניזאציע (WHO) שטימט אויך צו אז פרויען וואס זייגן קענען יא האבן די וואקצין.



אויב אייער בעיבי איז שוין געבוירן געווארן, זאלט איר האבן אייערע וואקצינען ווי אמשנעלסטן.



עס איז פארזיכערט פאר אייך טרעגעדיג צו ווערן נאכדעם וואס איר האט געהאט די וואקצינען.



וואקצינאציע העלפט צו באשיצן די שוואכסטע.

© קרוין קאפירייט 2021. פראדוקט קאד: COV2021374V4ERYI Yiddish 1p 5K אויגוסט 2021 (APS). געזונט זיכערהייט אגענטור פון דעם פאראייניגטן קיניגרייך 2021546.

אנדערע ווערסיעס פון די בלעטלעך קען מען באקומען אין ברעיל, בריטישן שטום־לשון (BSL) און איבערגעזעצט אין א סך שפראכן. ביטע באזוכט געזונטהייט פובליקאציעס (Health Publications) זיי צו באשטעלן אדער אראפלאדן: www.healthpublications.gov.uk